**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/1/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אויסערגעווענטליכע סעסיע פון דער ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור צו קאדיפיצירן גלייכבארעכטיגקייט אין דער ניו יארק סטעיט קאנסטיטוציע**

***ניו יארק סטעיט וועט נעמען שריטן צו באשיצן ניו יארקער אין אפרוף צו הויכער געריכט פאראָרדענונגען אויף אבארציע רעכטן און רעוואלווער זיכערהייט — גאווערנער גיבט ארויס פראקלאמאציע צו קאדיפיצירן אבארציע צוטריט אין דער קאנסטיטוציע אלס טייל פון אויסערגעווענטליכע סעסיע***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע צולייגנדיג גלייכבארעכטיגטקייט צו די אויסערגעווענטליכע סעסיע אגענדע. ניו יארק סטעיט וועט דורכפירן א רעזאלוציע אויף סאלידיזירן די רעכט צו אבארציע צוטריט אין דער סטעיט קאנסטיטוציע, אין צוגאב צו איינפירן רעוואלווער זיכערהייט לעגיסלאציע אין אפרוף צו דער הויכער געריכט פון די פאראייניגטע שטאטן׳ס אנטשיידונג אין *NYSRPA וו.ס. ברוען׳*.

״לעצטערע הויכער געריכט פאראָרדענונגען האבן געדראעט די רעכטן פון ניו יארקער צו מאכן אנטשיידונגען איבער זייערע אייגענע קערפערס און אונזער רעכט צו באשיצן ניו יארקער פון רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס, אבער מיר זענען נישט איינשטימיג צו שטיין ביי דער זייט און מיר מוזן טון למעשה,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך דאנק מאיאריטעט פירער סטועוערט-קוזינס און ספיקער היעסטי פאר ארבעטן גאנצעטע מעת לעת אויף די דרייסטע שריטן אין אפרוף צו די אומ׳אחריות׳דיגע הויכער געריכט אנטשיידונגען. מיר וועלן איינפירן לעגיסלאציע צו פארשטערקערן אונזערע געזעצן אויף ׳באהאלטענע ארומטראגן׳ געווער, און בויען אויף אונזער לאנד-וועגווייזיגע באשיצונגען פאר אבארציע פאציענטן און באזארגער, וועט ניו יארק סטעיט נעמען א פרעצעדענטלאזע שריט צו איינשטעלן דעם פונדאמענטאלן רעכט צו אבארציע צוטריט אין אונזער סטעיט קאנסטיטוציע. אבער לאז מיך זיין קלאר: מיר וועלן טון אלץ אין אונזער מאכט צו באשיצן ניו יארקער.״

גאווערנער האוקול׳ס פראקלאמאציע פאר אן אויסערגעווענטליכע סעסיע קען געזען ווערן דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418